ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
◇ קרית יואל ◇
בנשיאות כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א


בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך


גליון
◇ ת"ד ◇
פרשת וישלח
שנת תשע"ו לפ"ק


ג' תקב) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע – עלטער פעטער

## הרה"ח ר' בנימין הערש הכהן בערקאוויטש שליט"א מנהל בית רחל

### מתפלל זיין פארן לעבן

ווען איך בין געווען אין לאגער אין אוישוויץ, בין איך געווען אינאיינעם אין איין שטוב מיט נאך פערציג היימישע ערליכע אידן פון אוהעל, קראסנא און קליינווארדיין, און ווען עס איז געקומען שבעה עשר בתמוז האבן מיר אפגעשמועסט אז מען וועט פאסטן, כאטשיג מיר זענען געווען זייער אפגעשוואכט, האבן מיר נישט געוואלט ברבים עסן פערציג אידן אינאיינעם.

דער סדר איז געווען אז מען האט אויסגעטיילט דאס עסן אכט אזייגער אווגט, און דערנאך האט מען זיך געדארפט לייגן שלאפן מען זאל קענען אויפשטיין געגוג פרי צו דער ארבעט.

מיר האבן אלע געלייגט דאס עסן אין א זייט, אונטערן טיש, אונטערן באנק א.א.וו. און מען האט געווארט עס זאל ווערן נאכט אז מען זאל שוין קענען אויספאסטן, דערוויל האט מען צווישן זיך שטילערהייט געשמועסט, צו אונזער ביטערן מזל האט דער 'קאפאר' ארויסגעהערט ווי מען רעדט, איז ער אריינגעקומען אינעווייניג און באמערקט די פערציג פארציאנען נאכטמאל אומבאריערט, און די כעס האט אנגעהויבן ברענען אין אים, מיר האבן מורא געהאט וואס ער וועט טוהן מיט אונז.

דער רשע איז צוגעגאנגען מיט א רציחה צום טיש און דאס איבערגעקערט, און אזוי אויך די בענק, און אלע עסן האט ער אראפגעווארפן און אויסגעגאסן, און דערנאך רופט ער זיך אן מיט א געלעכטער 'אידן לעקט אויף אייער עסן' און ער איז ארויס געגאנגען איבערלאזנדיג אונז הונגעריג, עס איז געווען אינגאנצן שטיל, איך האב ביי מיר געקלערט אז ער האט נאר אויסגעגאסן זיין כעס אויף די עסן, און ב"ה ער האט קיינעם נישט געשלאגן.

אינמיטן באמערק איך ווי עס קומט ארויס אן עלטערער איד פון צווישן די דאפלטע בעטן, און ער רופט אויס הויך, 'קינדערלעך טייערע ווייסט עטץ וואו דער בורא כל עולמים געפונט זיך? דא צווישן אונז! דער באשעפער איז דא און ער קוקט זיך צו וואס מיר טוען, ער רופט צוזאם די מלאכים און ער ווייזט זיי, קוקטס דאס זענען מיינע קינדערלעך, זיי זענען אין גלות, זיי הונגערן, מען שלאגט זיי, מען פייניגט זיי נאר ווייל זיי זענען אידן, אבער זיי ווילן דאך בלייבן אידן', יעצט בעט איך אייך קינדערלעך, וואס מארגן וועט זיין ווייסן מיר נישט, מיר ווייסן קום וואס היינט איז, איין זאך וויל איך בעטן, אז מען זאל מתפלל זיין 'רבוש"ע מיר ווילן נאך לעבן' אן קיין שום תנאים, נאר שטענדיג מתפלל זיין פארן לעבן.

איך האב מיך נאכגעפרעגט ווער עס איז דער איד, האט מען מיר געענטפערט אז דאס איז דער קראסנער רב זצ"ל.

מיר האבן טאקע מתפלל געווען און זיך גוט אויסגעבעטן, אונזערע תפילות זענען ב"ה אנגענומען געווארן און די אלע פערציג אידן האבן איבערגעלעבט די קריג און באפרייט געווארן. (מתוך שיחה עם כ"ק מרן רבינו שליט"א מוצש"ק תולדות העעל"ט). (ארי' לייבוש גלאנץ, שמואל עמרם גלאנץ, משה יודא שפיטצער, ישעי' גדלי' גאנדל, שמואל דוד גאנדל, משה ישעי' שפיטצער, משה ישעי' עקשטיין, הערשל עקשטיין)

ג' תקג) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' יעקב ארי' סעגעדין הי"ו

### שתיקה יפה בשעת התפילה

איך האב געהערט פון מיין מחותן כ"ק הגה"צ חו"פ רבי ברוך מיללער שליט"א ראש הכוללים בקרית יואל, אז אין די תקופה וואס ער האט געלערנט אין די ישיבה פון הגה"ק רבי יוסף צבי דושינסקיא זצוק"ל גאב"ד ירושלים, האט דארט אויך געלערנט הרה"צ חו"פ רבי מיכל'ע מנתני' זצ"ל, איז געווען אמאל ווען עס איז דארט געווען א געוויסער עסקן און כלל טועהר וואס האט גערעדט בשעת'ן דאווענען.

רבי מיכל'ע איז שוין אלס בחור געווען א פלאם פייער, און זיין הארץ האט געפלאמט און געברענט פאר כבוד שמים, ווען ער האט גזעהן יענעם רעדן איז ער צוגעגאנגען און מעורר געווען אז מ'טאר נישט רעדן ביים דאווענען. יענער האט זיך נישט וואוסנדיג געמאכט ער האט ווייטער גערעדט, רבי מיכל'ע מיט זיין אמת'ע יראת שמים האט דאס זייער ווי געטון, האט ער אים מעורר געווען איינמאל און נאכאמאל, און ווען ער האט געזעהן אז עס העלפט נישט, האט ער אים אראפגעלאזט א פאטש.

א טאג דערויף איז צוגעקומען איינער פון די מנהלי הישיבה צום רב, און ער זאגט אז דער בחור 'יחיאל מיכל מיכלאוויטש' האט געגעבן א פאטש פאר א איש מכובד, און מ'דארף אים ארויסשטעלן פון די ישיבה. זאגט דער רב 'גוט, כ'וועל זיך איבערטראכטן'.

דער ירושלימ'ער רב לאזט רופן רבי מיכל'ע, און ער פרעגט אים וואס עס איז פארגעקומען, און רבי מיכל'ע מיט זיין תמימות דערציילט די גאנצע מעשה ווי אזוי יענער האט נישט געוואלט אויפהערן צו רעדן ביים דאווענען, ביז ער האט אים געגעבן א פאטש דעמאלטס האט ער אויפגעהערט צו רעדן.

דער ירושלימ'ער רב האט געלאזט רופן יענעם איינגעשטעלטן און ער זאגט אים "כ'האב גערעדט מיטן בחור, איך זעה ער האט נישט געהאט קיין שום פני' נאר כבוד שמים, ממילא קען ער בלייבן אין די ישיבה".

(ווען איך האב געהערט די מעשה האב איך געבעטן פון הרה"ח ר' שלמה יודא שטיינמעטץ הי"ו וועלכער האט משמש געווען ביי רבי מיכל'ע אז ער זאל איבערדערציילן די מעשה פאר רבי מיכל'ע צו זעהן זיין רעאקציע. ווען רבי מיכל'ע האט דאס געהערט האט ער זיך גענומען זייער צו וויינען "אזוי האט דער רבי געזאגט, איך האב געטון אינגאנצן אן קיין פני'?! איך האב געמיינט כולו לשם שמים?!...". זי"ע) (אהרן הלוי ווערצבערגער, שמשון הלוי ווערצבערגער, אברהם הלוי ווערצבערגער, שמשון פייערשטיין, שלמה מנשה פייערשטיין, שלמה מנשה קאהן, יוסף קליין, שמשון מיללער, אלכסנדר מיללער).

ג' תקד) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ג ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א

### לקיים מילי דברכות

איך האב געהערט אמאל פון הרה"ג רבי מרדכי דוד קאהן זצ"ל ר"מ בישיבה"ק אז אין די תקופה וואס ער האט משמש געווען ביי כ"ק מרן רביה"ק זי"ע האט מען אמאל אריינגעברענגט פארן רבי'ן א תבשיל וואס דער רבי האט געהאט דערויף א ספק צי עס איז א בורא פרי האדמה, און דער רבי האט געוואלט מאכן א 'האדמה' אויף א צווייטן מאכל.

האט מען אריינגעברענגט א קארטאפל, האט דער רבי געזאגט אז קארטאפל איז נישט קיין בפה"א נאר א שהכל, האט ר' מרדכי דוד געברענגט א פאפריקע און דער רבי האט געמאכט דערויף א בפה"א און מיט דעם יוצא געווען די ברכה.

האט רבי מרדכי דוד דערציילט אז דער רבי האט אפגעשניטן א שטיקל ער האט דאס קודם אפגעשיילט נישט ווילנדיג עסן די שאלעכטס דערפון און הערשט נאכדעם האט ער דאס אריינגענומען אין מויל. (אהרן הכהן פריעדמאן, אהרן דאסקאל, שמעון וויס)

ג' תקה) עס דערציילט אונזער רבי

## הרה"ח ר' עקיבא צבי גאנץ שליט"א

### מעשה אבות סימן לבנים...

ווען מ'האט אנגעטראגן א שידוך פאר מיין ברודער הרה"ח ר' מרדכי הי"ו מיט די טאכטער פון הרה"ח ר' אברהם הלוי ווערצבערגער ע"ה שו"ב - ער איז דאך געווען א נאנטער מקורב ביים רבי'ן - איז ער אריין צום רבי'ן פרעגן איבער דעם שידוך, און ער האט געוואלט וויסן וואס דער רבי האט צו זאגן אויף אונזער טאטן הרה"ח ר' ברוך יודא ז"ל, וועלכער פלעגט נאך אינדערהיים פארן צום רבי'ן. און צי ער זאל טוהן א שידוך מיט א משפחה פון קיילעכיגע יתומים וואס ער קען נישט די עלטערן.

האט דער רבי גענטפערט בזה"ל "א פלא, דער פאטער איז טאקע געפארן צו מיר, אבער איך געדענקט נישט זיין צורה, אבער אויף יעדן איינעם פון די קינדער דערקענט מען אז טאטע מאמע זענען געווען ערליכע אידן"...

ווען איך האב געהערט אז דער רבי געדענקט נישט די צורה פונעם טאטן, האט איך גענומען די פאספארט בילד וואס דער טאטע האט געמאכט ווען ער איז געפארן צום רבי׳ן קיין קראלי, און איך האב דאס אריינגעטראגן צום רבי׳ן, אבער דער רבי האט באלד איבערגעדרייט דאס בילד, און נישט געוואלט קוקן אויף א בילד פון איינעם וואס איז שוין נישט אויף די וועלט. (מפי התלמידים)

ג׳ תקו) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע

**הרה״ג ר׳ מרדכי דוד קאהן זצ״ל** ר״מ בישיבה״ק

## מעין עולם הבא יום שבת מנוחה

ס׳איז אמאל געווען א חסיד וואס איז שוין נפטר געווארן איז געקומען אין חלום צו **הרה״ק רבי פינחס׳ל קאריצער זי״ע** און ער האט זיך מתמרמר געווען אז די שבתים וואס ער איז געווען ביים רבי׳ן אויף די וועלט האט ער געשפירט א גרעסערע התרוממות ווי דאס וואס ער שפירט יעצט בעולם העליון אין גן עדן.

האט אים רבי פינחס׳ל געענטפערט ״אוודאי, שבת איז מעין עולם הבא, ווען דו ביסט געווען דא ביי מיר האסטו מרגיש געווען געווען מעין פון ׳מיין עולם הבא׳, יעצט ווען דו ביסט אליין בעולם העליון, שפירסטו ׳דיין עולם הבא׳, און דאס איז דער טעם דערפון״... (יושע צבי הלוי גליק, שמעון טויב, חיים זיינוויל הכהן גליק)

ג׳ תקז) עס האט דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ג ר׳ אלימלך שלמה שווארץ שליט״א** שו״ב

## א סעודת ״מצוה לשמוע דברי חכמים״

עס איז אמאל געווען א ברית פאר א אייניקל פונעם **שאפראנער רב ז״ל**, דער ברית האט געדארפט זיין שפעט אויפן טאג, און דער **רבי מרן הדבר״י זלה״ה** איז מכובד געווארן מיט סנדקאות.

בשעת ווען דער רבי איז שוין דארט געווען איז דער מוהל ארויסגעקומען און געזאגט אז בשעת׳ן צוגרייטן דאס קינד האט ער באמערקט אז דאס קינד האט א געוויסע אינפעקשאן, און ער האט איבערגעשמועסט מיטן רבי׳ן צי דאס איז מעכב דעם ברית. דער רבי האט געזאגט אז אפילו אויב אויף די מינוט איז דאס נישט קיין סכנה, אבער ס׳קען גורם זיין א סכנה לאחר זמן טאר מען נישט מאכן דעם ברית.

בשעת מעשה איז שוין געווען צוגעגרייט דער ברית מיט די גאנצע סעודה, דער רבי האט באמערקט די עגמ״נ ווען די גאנצע טירחא און די סעודה איז געווען אומזינסט. האט דער רבי געזאגט ״אמת, מ׳קען טאקע נישט מאכן דעם ברית, אבער די סעודת מצוה קען מען יא מאכן״. און דער רבי האט געבעטן אז יעדער זאל זיך גיין וואשן צו די סעודה״.

דער שאפראנער רב האט דאן א קלאפ געגעבן אין טיש און אויסגערופן ״די סעודה יעצט איז א סעודת מצוה, ווייל מצוה לשמוע דברי חכמים, אז דער רבי האט אזוי געזאגט איז דאס א סעודת מצוה״... וכך הוה דער ציבור האט זיך געוואשן צו די סעודה, און דער רבי האט זיך אוועקגעזעצט און פארברענגט א ווייל׳ע כדרכו בקודש מיטן טועם זיין פון די סעודה און מיט שיחות קודש. (מאיר יואל שווארץ, יצחק אייזיק שווארץ, אברהם עביר שווארץ, מרדכי שווארץ, מרדכי שפילמאן, מרדכי יאזשעף).

ג׳ תקח) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ג ר׳ ישכר דוב הכהן גלאנץ שליט״א**

## גאנץ קרית יואל איז א חידוש

עס איז געווען אמאל ווען כ״ק מרן **רבינו הגה״ק בעל ברך משה זצוק״ל** איז געווען אויף א באזוך אין די תלמוד תורה ״בניני ווידער-פאלאטשעק״, און נאכן דאווענען איז ער אריינגעגאנגען אין איינע פון די כיתות פון די ת״ת.

האט דארט דערציילט דער ראה״ק הרה״ח ר׳ אברהם ווידער שליט״א חבר הנהלת המוסדות - דער נדבן פונעם בנין - אז זייענדיג אלס קינד אין מאנטריאל איז דער רבי מרן רביה״ק **הדבר״י זי״ע** געקומען באזוכן אין די דארטיגע תלמוד תורה, און די ת״ת איז געווען אין א שטארק נאכגעלאזטן מצב, האט זיך דער רבי אנגערופן ״מה נורא המקום הזה״ אויב דער מצב זעהט אויס אזוי שרעקליך ״אין זה כי אם בית אלקים״, מוז זיין אז דאס איז א ביהמ״ד אדער א ת״ת, ווייל אינדערהיים וועט קיינער נישט וואוינען אין אזא נאכגעלאזטן מצב.

האט ר׳ אברהם אויסגעפירט ׳דא אין קרית יואל זעהט מען א חידוש אז די תלמוד תורה איז אין אזעלכע בנינים מפוארים, הערליכע אויסגעשטעלטע חדרים און בתי מדרשים לשם ולתפארת׳.

האט זיך דער רבי מרן הבר״מ אנגערופן ״גאנץ קרית יואל איז א חידוש, יעדעס הויז, יעדע גאס, אלע איז א חידוש נישט נאר די תלמוד תורה״. (יחיאל שלמה הכהן גלאנץ).

ג׳ תקט) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ח ר׳ אברהם יעקב פאזען הי״ו**

## קנאבל צו שטעכן די גרעניץ וועכטער

עס איז געווען אמאל ווען עס איז נפטר געווארן א היימישער איד ל״ע אין אנטווערפן, און א קרוב משפחה איז געקומען צו פארן פון אמעריקע מנחם אבל זיין די אלמנה מיט די קינדער, און נאך די שבעה האט ער מיטגענומען מיט זיך אהיים צוויי קינדער פון די משפחה אז זיי זאלן זיך אויפהאלטן ביי איהם אין שטוב נאכדעם וואס זיי האבן פארלוירן זייער ראש המשפחה.

איידער דער איד איז אהיימגעפארן איז ער אריינגעגאנגען צו **הרה״ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זצוק״ל** זיך געזעגענען און נעמען זיין ברכה. און כדרכו בקודש האט אים רבי יענקעלע געגעבן קיכעלעך מיט קנאבל אלס צידה לדרך. פרעגט אים רבי יענקעלע ״דו ווייסט פארוואס איך בין זיך נוהג צו טיילן קנאבל אלס צידה לדרך?!״. ווי פארשטענדליך האט דער איד גארנישט געענטפערט.

זאגט אים רבי יענקעלע ״איך וועל דיר זאגן, ווייל די קנאבל האט א שפיץ און מיט דעם שטעכט מען די גרעניץ וועכטער״.

דער איד האט נישט פארשטאנען וואס דער רבי וויל אים זאגן, און ער האט דאס אריינגעלייגט אין טאש און געגאנגען ווייטער.

דער איד איז אהיימגעפארן מיט די קינדער, אבער אנקומענדיג צום אמעריקאנער גרעניץ אין עירפארט איז ער געגאנגען געבן זיין פאספארט ביי די אמעריקאנער בודקע זייענדיג אן אמעריקאנער בירגער, און די קינדער, זייענדיג בעלגישע בירגער, זענען געגאנגען צו די בעלגישע זייט. און מ׳האט אפגעשמועסט אז ווען מ׳ווערט פארטיג מיט די פאפירן וועט מען ווארטן איינער אויפן צווייטן.

עס איז אריבער א שטיק צייט, דער איד ווארט און ער זעהט נישט די קינדער ארויסקומען, ער איז געווארן דערשראקן און ער האט זיי אנגעהויבן צו זוכן צו לענגערע צייט, אבער קיינער האט אים נישט געוואלט העלפן, ביז ווען איינער האט אים א טובה געטון און געלאזט צוריק ארויסגיין, וואו די באאמטע האבן אים געזאגט אז די קינדער ווערן צוריק געשיקט אהיים קיין בעלגיען, ווייל זיי האבן נישט געברענגט קיין שריפטן פון זייער מאמע אז זי גיט זיי רשות צו פארן קיין אמעריקע מיט א פרעמדן מענטש, און מאמענטאל האט מען זיי שוין ארויפגעזעצט אויפן פליגער אהיים קיין בעלגיען.

דער איד האט זיך באלד דערמאנט פון די ווערטער וואס רבי יענקעלע האט אים געזאגט, און מיט א תמימות און אמונת צדיקים רופט ער זיך אן ״דו ווייסט, איך האב ביי מיר קנאבל פון רבי יענקעלע, די קנאבל האט א שפיץ, און מיט דעם שטעכט מען די גרעניץ וועכטער״...

פלאי פלאים, דער וועכטער האט זיך ווייזט אויס דערשראקן פון די ווערטער, און ער האט זיך באלד אויסגעדרייט און געלאפן צוריק ברענגען די קינדער, און אים געלאזט אריינטראגן די קינדער אין אמעריקע. זיעועכי״א. (ישראל פאלאטשעק, נפתלי הערץ פאלאטשעק, יוסף לייב ווערצבערגער, שמואל ווערצבערגער, שמעון ישראל ווערצבערגער, שלמה ווערצבערגער).


דער הערליכער ספר
זקינך ויאמרו לך
חלק ח׳
וואס אנטהאלט הונדערטער עבודות וסיפורים, וואס די חשובע אידעס האבן פארציילט פאר זייערע אייניקלעך, תלמידי מוסדותינו הק׳
וועט פארטיילט ווערן אי״ה פאר אלע תומכי המוסדות
ביים יערליכן דינער
לטובת מוסדות קרית יואל
דעם מוצש״ק פ׳ וישלח
אין זאל פון ״בית רחל פארידיים״
